# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

• גיליון נ"ד פרשת ראה - תש"פ •


## דער באגריף פון תשובה

געלויבט איז דער הייליגער באשפער די גרעסטע מתנה וואס איז דא אויף די וועלט פאר א איד, איז טאקע תורה און מצוות. אבער כדי דאס זאל זיך קענען עקזעסטירן ביי דעם מענטש, דער מענטש זאל קענען דורך גיין די וועלט מיט תורה און מצוות, איז די "תשובה קדמה לעולם" (ב"ר פ"א), ווייל אן תשובה וואלט מען צו גאר נישט דערגרייכט נישט בזה און נישט בבא.

### שורש התשובה - אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו

אבער פאר ווען מ'גייט צו דעם גאנצע נושא פון תשובה. וועט א נארמאלע מענטש זאגן: "כדי צו תשובה טועהן, רחמנא ליצלן, דארף מען מאכן אן א עבירה, ווייל מ'קען נישט תשובה טועהן אן א עברה".

דארף מען וויסן וואס דאס מיינט א עבירה, דרגות פון עבירה, ווי אזוי ארבעט די נושא פון עבירה.

און באמת, מ'וועט גיין נאך א טרעפל, כדי זאל ווערן עברות, איז טייטש אז אונז האבן מצוות - און מ'האט אונז אנגעזאגט: "טו דאס, טו נישט יענטץ און די האסט נישט געטארט, צו די האסט יא געטארט א.א.וו.". קומט אויס אז די שורש פון עבירות, איז גאר מצוות.

כדי צו האבן מצוות, איז דא נאך א פריעדיגער שורש: "אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו". א גוי האט נישט מצוות.

בקיצור. לאמיר צאם נעמען די אלע כללים פון די סוגיה פון תשובה בתור הקדמה:

די ערשטע זאך איז: כדי צו האבן די זכיה אין די נושא פון תשובה טועהן דארף א איד געדענקען און חזר'ן: 'ווייל איך בין א איד, און ווייל "אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו", וועגן דעם שטיי איך יעצט ביי דעם מורא'דיגע חודש אלול, און תשרי, און איך קאן א גרויסע קאכעריי ארום די נושא פון תשובה.

### מצוות במחשבה, דיבור און אויכעט מעשה

נאך ווען ס'איז קלאר ביי א איד: יא, אין מיר האט דער אויבערשט'ן בוחר געווען. דארף ער וויסן, "ונתן לנו את תורתו", וואס טוט זיך דא? ס'איז דא אזא זאך 'מצוות', מצוות עשה וואס שטעלט זיך אויס - תרי"ג מצוות. רמ"ח מצוות עשה - וואס איז מחשבה, דיבור ומעשה. ס'שפילט אויס זייער אסאך אין מחשבה ודיבור. מעשה איז א ביסל וויניציגער.

אין רוב מצוות עשה קען א מענטש כמעט נישט צוקומען. זייער אסאך מצוות עשה, אפגירעדט מצוות וואס ס'האט מיט בית המקדש, מצוות התלויות בארץ. און נאך מצוות ווי צ.ב. נישט יעדער איינער האט א עשיית מעקה. אסאך מצוות איז נאר מדיני ערבות אבער אין מחשבה מיט דיבור, אין לערנען די הלכה, זיך מקבל זיין אויף זיך אין מחשבה - איך וויל מקיים זיין, ווען ס'וועט קומען צו מיר, צו מאכן א דין מעקה, אדער א שילוח הקן, אדער א כיסוי הדם - מקיים זיין.

יעצט, ס'איז דא אויך די דרגות פון די מצוות, דער חילוק וואס אונז ווייסן אין די דרגות, די חשיבות פון די מצוות, איז די שכר ועונש וואס מ'באקומט פון דעם.

און די זעלבע זאך - מצווה איז א לשון זיך צוטשעפען, מ'ווערט צוגעטשעפעט צו, כביכול, הקב"ה. ווי די זוהר הק' (ח"ב פב, ב) רופט אס - תרי"ג עיטין, תרי"ג עצות וואס מ'ווער צוגעטשעפעט צום אויבערשט'ן, ווערן דבוק אין אויבערשט'ן.

די זעלבע זאך איז דא "לא תעשה" וואס האט אויך מיט מחשבה, דיבור ומעשה. אבער די מצווה איז נאר אין מחשבה ודיבור. די מעשה - איז שב ואל תעשה, ס'איז "לא תעשה" - זאלס'ט נישט טועהן. אבער רחמנא ליצלן ווען איינער איז עובר, מ'איז געגאנגען מ'האט געמכט א סייג א קעגן די תורה, אבער באמת, נישט צו עסן בשר בחלב איז "שב ואל תעשה", ס'האט נישט קיין שום עשיה.

אין די תוצאות פון די מצוות איז דא צוויי חלקים, ס'איז דא דער יסוד, די שכר ועונש, אויב מ'וועט זיך פירן גוט וועט מען באקומען א שכר, מ'וועט זיך פירן נישט גוט, וועט מען באקומען א עונש.

### יתגדל ויתקדש שמיה רבה בעלמא

אבער, ס'איז דא א ביסל טיפער, מ'וועט אס רופן "ארויף גיין א כתה". ס'איז דא א

חלק פון דבקות, פון די גילוי שכינה, און גילוי כבודו יתברך, ס'ווערט נתגלה דער אויבערשט'ן, "יתגדל ויתקדש", מיט דעם וואס איך בין מקיים זיין רצון - סיי אין מצוות עשה, סיי אין מצוות לא תעשה - איך טועה במעשה.

אבער, א זאך וואס איז כולל אין דעם גאנץ "אשר בחר בנו", וואס האט א מורא'דיגער כוח, ס'איז מורא'דיג מקיף דעם גאנצע חלק איז לימוד התורה. סיי די חלק איז זאל מען וויסן - ידיעת התורה. סיי - עצם לימוד התורה איז א מצווה "תלמוד תורה כנגד כולם" אין דאס נעמט צוזאם אלע, דער כוח פון אלע מצוות, דאס דערנענטערט די מערסטע צום אויבערשט'ן, דאס ברענגט דבקות בה', און דאס ברענגט שכר ועונש ווי מען וועט עס אנרופען. די גרעסטע זאך וואס איז דא איז "תלמוד תורה כנגד כולם".

### *פיר סארטן עבירות*

דא האט מען געענדיגט דעם חילוק פון "אשר בחר בנו" - ס'איז דא מצוות עשה, ומצוות לא תעשה.

שפעטער קומט דעם חלק, וואס רחמנא לצלן, דאס איז די ענין פון די בחירה מיט די יצר הרע, דאס רופט זיך - עבירות, עבירות איז אויך צוטיילט אין פיר חלקים:

רחמנא לצלן, איז דא אזא זאך, וואס רופט זיך א מורד, דאס רופט זיך פשע. פושע - ס'רופט זיך נתכוון למרוד בו.

שפעטער איז דא עוון - דאס איז מזיד, ס'איז לתאבון, ס'איז עם געווען גישמאק, ער מאכט דאס אבער במזיד. נישט ח"ו למרוד אין הקב"ה.

די דריטע דרגה איז דא - דאס איז שוגג - ס'רופט זיך חטא, נישט צוגעלייגט קאפ, נישט אכטונג געגעבן גענוג. קומט ער צו צי חטאים, אפילו בשוגג.

שפעטער איז דא אונס. ריכטיג, רחמנא פטריה, לגבי די עונש. אבער די פגם איז געווארן אין די בריה.

אסאך מאל - ווי ס'ווערט מבואר - שיקט אונטער די אויבערשטער חס ושלום, פאר איינער א אונס, כדי ער זאל וויסן אז ער איז נישט שלום, און ס'איז נישט גוט מיט עהם, און ער זאל תשובה טועהן, ער זאל זעהן מעורר זיין צוריק צום די דבקות אין אייבערשט'ן.

דאס איז די פיר דרגות אין מדרגות החטא, און פארשטייט זיך אז ס'איז געבויט פון מחשבה, דיבור ומעשה. אמאל איז דער חטא, קום ועשה, ער האט גענומען און געטועהן א חטא רחמנא לצלן.

ס'איז דא מאל'ן וואס ס'איז "שב ואל תעשה". למשל, ער האט נישט געגעסן מצה, ער האט עובר געווען אויף א עשה, ער איז חייב כרת. ווען איינער עסט נישט קרבן פסח, ער האט זיך מונע געווען פון א עשה אז ער האט געקענט עסן קרבן פסח. לעומת זה, איז דא אמאל אן עבירה וואס איז "קום עשה", ער האט געטוהן, ער האט געגעסן בשר בחלב, ער האט געגעסן א זאך. און אזוי שאקלט עס זיך.

### *יראת העונש און אהבת הבורא*

אלע ווייסן די אלע עניינים, יעצט איז דא א חלק פון עבירות, און ס'איז דא צוויי סארטן מענטשן, ווי אזוי זיי גייען צו צו דעם עניין פון עבירה.

איינער טראכט ביי זיך: איך ווייס, ס'איז אן עבירה, ס'איז דא א עונש, די דרגה פון די עבירה איז לויט די עונש. ער פארערט זיך נישט אזוי מיט די ענין פון גילוי כבודו. אבער ווען א מענטש באמת ווען ער רירט אן די נושא פון עבירה, ס'איז גאר א מורא'דיגע זאך, ס'איז געווארן אן הסתר פנים פון אויבערשט'ן, ער האט געמאכט א פגם אין די עולמות. סיי אויף די וועלט און סיי די אלע עולמות וואס זענען אנגעהאנגען אין דעם.

אין דעם ענין פון עבירה, איז דא אויך א מושג פון חילול ה'. א מענטש ח"ו טוהט עבירה ברבים - ס'איז אן אנדערע זאך. ביחיד - איז דאס אנדערש.

אזוי ווי אונז ווייסן, רחמנא ליצלן, א איד האט מחלל געווען שבת בפרהסיא, איז דאס שוין א דין פון א עכו"ם, אז יינו איז יין נסך. ס'האט שוין דרגות, ס'איז נישט אזוי פשוט.

די זעלבע זאך איז דא אין די חלק פון עבירה פון אדם לחבירו, און די זעלבע זאך איז דא מידות רעות - וואס די רמב"ם אין הלכות תשובה, בעזר ה' דארטן וועט מען אס מערער אנרירן, ווי ער קאכט אויס זייער שטארק, ס'איז דא א לשון פון דעם רמב"ם, אז אזוי ווי א מענטש דארף תשובה טועהן אויף מעשים וואס הער האט געטועהן, דארף ער נאך אסאך זיכן אין דעות רעות וואס ער האט, די כעס, תאוות, קנאה, ער רעכנט דארטן אויס, ס'איז א לאנגע סוגיה אין הלכות תשובה. דאס איז טייטש אז דאס איז אויך פגמים און עבירות וואס א איד דארף אויסגלייכן.

און ס'איז דא נאך מער, אזוי ווי די "תלמוד תורה כנגד כולם", רחמנא ליצלן אפילו איינער איז יושב בטל, ער האט נישט געטועהן אן עבירה בפועל, נישט גערעדט לשון הרע, נישט גערעדט דברים בטלים, אפילו. אבער הער האט געבאטלט די צייט, האט ער א פראבלעם פון ביטול תורה.

און ווייל "תלמוד תורה כנגד כולם" איז דער עוון פון ביטול תורה איז אויך זייער גרויס, ווייל די מצווה איז גרויס.

מ'האט שוין מתקן געווען דעם חלק וואס רופט זיך וואס דאס איז "אשר בחר בנו מכל העמים" אז דאס איז די מצווה. אין ח"ו טאמער מ'איז נישט מקיים איז דא די חלק אן עבירה. נאך ווען מ'ווייסט שוין קלאר, און ס'איז קלאר וואס דא טוט זיך, אין די נושא פון תשובה וועט בעז"ה בסייעתא דשמיא זיין אסאך שיעורים, ווייל די וועלט פון תשובה איז א וועלט - ס'איז א עולם התשובה, אבער קודם דאס אנרירן.

אזויפול, אז פון איין זייט האבן אונז א קלארע פסוק, אז די רמב"ן מיט די ראשונים. האלטן אסאך ראשונים, אז די "כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו" די גאנצע שיעור פסוקים דארטן: "ולא בשמים היא" א..א.וו., איז געזאגט געווארן אויף די מצווה פון תשובה, ווייל א איד דארף זיך געבן איין טרייסל און דאס הייסט תשובה.

עד כדי כך, איז די לשון הגמרא (קידושין מט, ב) "המקדש אישה על מנת שהוא צדיק גמור חוששין שמא הרהר תשובה בדעתו", און ער הייסט א צדיק גמור. דאס איז אז ער האט געגעבן א גוטע טרייסל און מוח. האסט געגעבן א גוטע גרינדע מרדות אחת בליבו של אדם, ער האט זיך געגעבן א גוטע

טרייסל און ער הייסט שוין א צדיק גמור, דאס איז די גרינגקייט פון תשובה.

דאס איז אליין א וועלט פאר זיך, לעומת זה, די דרגות פון תשובה איז זייער אסאך דרגות אזוי ווי אונז ווייסן. דער לשון פון רמב"ם (תשובה ב, ב): "עד שיעיד עליו יודע תעלומות". דרגה באותו מקום, באותו כוח, באותו זמן. די נסיון זאל זיין די זעלבע נסיון, און נאך מער.

מיר ווייסן די באוסטע יסוד: תשובה מיראה, תשובה מאהבה. אזוי ווי יראה האט דרגות, אהבה האט אויכט דרגות. אסאך דרגות אין תשובה.

דאס איז די עולם התשובה - א נושא פאר זיך.

### *מדריגות אין תשובה - סליחה, מחילה, מירוק א.ד.ג.*

אבער, מיט די תשובה, א איד הייבט זיך אן אפצושטעלן, ווייסט ער אז ס'איז דא ימי סליחות, ס'איז דא ימי תשובה, און יום כיפור. ס'איז דא סליחה, מחילה וכפרה. און א ביסל א העכערע טרעפל פון כפרה, איז דא אזא זאך "מירוק", נתרצה ווערן פארן קדוש ברוך הוא. וואס הייסט דאס?

סליחה טרעפן אונז אין די תורה, דאס רופט זיך א בחינה פון מעורר רחמים זיין, אנקעגן דעם דין וואס קומט זיך פאר א מענטש, רחמנא ליצלן א מענטש האט געזינדיגט, ס'קומט זיך איהם א עונש. דער אויבישטער האט אויסגעלערנט זאגן י"ג מידות של רחמים און ער זאל נושא עוון זיין, און ווי באמת אין די לשון פון דעם פסוק איז "ונקה", ס'קומט צו צוויי ווערטער נאך דעם, ס'ווערט נישט איינגאנצן אוועקגעגעבן, אזוי ווי מיר טרעפן "ויאמר ה' סלחתי כדבריך ואולם חי אני" מגייט אבער באקומען א עונש, סליחה איז נאר אויפגעבן דעם עונש אויפן פלאץ. זיי האבן באקומען אקעגן דעם לעבן 40 יאהר, זיי האבן באקומען די קינדער, זיי האבן געשטעלט דורות, אין די פערציג יאהר - א וועלט געקאכט אין די 40 יאהר, אבער זיי זענען צום סוף נישט אריין אין ארץ ישראל, זיי האבן באקומען א עונש אבער נישט אויפן פלאץ. דאס איז די הגדרה פון סליחה.

מיר זעהן די אחי יוסף,זענען געשטאנען און געזאגט "שא נא פשע אחיך" (בראשית נ, יז) זיי שטעלן זיך אוועק אויף א מצב פון פשע, זיי האבן מורד געווען אין עהם. אבער "שא נא" "נושא עוון" מיינט א עניין פון סליחה. סליחה - מ'שטעלט זיך אוועק, "גדול עווני מנשוא" מ'קען דאס נישט אריבערטראגן, אז איך זאל נאך לעבן אין לאנגסאם אפצאלן דעם חטא, ביז איך וועל תשובה טועהן, און דאס איז דעם ענין פון "ארך אפיים" שכוונתו אז הקב"ה איז מאריך אף אפילו לשבים, אין ווי אזוי ווי די לשון פון גמרא ווייטער, "אפילו לשאינם שבים", ער איז מאריך אף ביז זיי וועלן תשובה טועהן. ווי דער לשון איז "עד יום מותו תחכה לו בתשובה", ער ווארט זאלסט עהם נאכלויפן כדי אפשר וועט די מענטש תשובה טועהן.

### *מחילה*

דאס איז נאר אין א גדר פון א פלאץ פון סליחה, אבער "מחילה" איז שוין א נייע סוגיה.

מיר טרעפן למשל, אין חושן משפט, א איד - ער איז מוחל דעם חוב. עס איז געווארן ביי מיר אנגעפילט דעם חוב? ניין. באצאלן - דארף ער שוין נישט, אבער, ס'איז נישט געווארן מושלם די זאך.

אבער וואס וועט זיין די הלכה אין א פאל ווען א מענטש דארף אפגעבן א חוב, פון "והשיב את הגזלה", ווען יענער וועט אים קומען זאגן אז ער איז אים מוחל ווייס איך נישט צו ער האט מקיים געווען די מצווה פון "והשיב את הגזילה", די חוב קומט ער עם שוין נישט, ער קען עם מוחל זיין די חוב. אבער "והשיב את הגזלה" קען זיין האט די מענטש בכלל נישט מקיים געווען. אבער איך גיי נישט אריין אין דעם גאנצע פולמוס פון דעם נושא.

אבער, דאס פשוט פארשטיין, מחילה איז נאך נישט א דרגה אז מ'האט פאראכטן די פגם אין די עולמות העליונים. ס'קען זיין אז די פגם איז נאך דא אויכט נישט פאראכטן. אבער נאך ווען ס'איז דא א כפרה, דאס רופט זיך "תיקון" מ'פאריכט די גאנצע זאך, און ס'איז פאראכטן געווארן.

### *אין ייסורים בלא עוון*

אבער, זייער א וויכטיגע זאך, נארמאל א מענטש שטייט ראש השנה, יום כיפור, און האפט, מ'האט עם מוחל געווען. ס'איז געווען ימי סליחות, ס'איז געווען ימי תשובה, ס'איז געווען יום כיפור "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאותיכם לפני ה' תטהרו" - אונז זענען שוין ריין.

אבער די גאנצע נושא פון יסורים. אסאך מענטשן שטיין אין זייער א שווערע קאך אין דעם. "איך פארשטיי נישט, מ'האט מיר מוחל געווען אלעס? איז וואס הייסט מ'האט מיר איינגעשריבן יסורים, רחמנא לצלן אויפן קומעדיגע יאהר?"

מ'דארף פארשטיין אז די גאנצע נושא וואס רופט זיך יסורים, ריכטיג, "אין יסורים בלא חטא" יסורים האט זייער גרויסע דרגות. עד כדי כך, א מענטש - מ'האט איהם מוחל געווען, די יסורים מוז נישט זיין די ווארט עונש. "יסורים ממרקין עוונותיו של אדם". ס'איז דא אזא זאך מ'גלאנצט. ס'איז דא שטיפה, הדחה, ס'איז דא מירוק. מירוק הייסט מגלאנצט אויס די זאך.

מ'טרעפט א איד וואס האט שוין תשובה געטועהן, ער האט שוין אפגעפראוועט. ער האט עובר געווען אויף א מצוות עשה, און ער האט תשובה געטועהן. איז א עולה מכפר אויף א מצוות עשה, ווי ס'רופט זיך אין פסוק "ונרצה לו", ער ווערט בייוויליגט ביים אויבערשטער. דאס איז שוין א נייע בחינה, דאס איז א בחינה פון מירוק - ער גלאנצט, ער איז אויסגעגלאנצט פארן באשעפער, ער איז באליבט, ער האט באקומען א מורעדיגע דרגה. אין די דרגות "יסורים ממרקים עוונותיו של אדם", ס'גראבט אויס די מענטש.

ממילא אפילו פאר איינעם, מ'האט עם אויסגעמעקט אלע עבירות - קען ער נישט קומען מיט א טרוניה: איך פארשטיי נישט, מ'האט דאך אלעס אויסגעמעקט, איז וואס איז די יסורים? דאס איז די געדאנק.

דער אויבעשטער זאל אפהיטן גאנץ כלל ישראל, קיין איד זאל נישט האבן קיין יסורים. נאר אמאל א מענטש שטעלט זיך אפ און זאגט: וואס איז, איך האב שוין אזוי פיל מאהל תשובה געטועהן.

[אין נאך מער, לויט דעם קען מען פארשטיין, וואס הייסט תשובה אויף תשובה טועהן. באלט וועט מען צו טיילן די גאנצע סוגיה אין צוויי, וועט מען זעהן זייער א שיינע זאך וואס הייסט תשובה טועהן אויף תשובה].

### *אפאר מדריגות אין תשובה טוהן*

לאמיר צוריק קומען, ממילא מירוק, נישט כפרה. תענית איז א מענטש פאסט ער מאכט סגופים, מיט יסורים - דאס רייניגט אויס די נפש, און דאס איז די זעלבע דרגות פון נרצה פון די קרבנות, די תשובה.

יעצט, ווען מ'וועט נעמען און מ'וועט טיילן די זאך אין צוויי. ס'איז דא א איד, ער קומט איבערבעטן - ער בעט סליחה, געב עם נישט קיין עונש. איך האב געטועהן אן עבירה שטופ מיר אפ די עונש. ער וויל מחילה, כפרה, דער עיקר מ'זאל עם איינשרייבן א גוט געבענטשט יאהר. ער זאל האבן "זכרני לחיים" "וכתוב לחיים טובים כל בני בריתך", ער וויל א גוט יאהר. ער מיינט זיך, ער זוכט נישט דעם ענין פון גלוי כבוד שמים, ער וויל זיך ראטעווען, דער אויבערשטער האט מיר געגעבן א מתנה חיים, געב מיר ווייטער די מתנה פון חיים. ס'איז מיר געשמאק, איך וויל זיין ערליך, איך וויל דינען דעם אויבערשטער - אבער איך! ער פארערט זיך מיט'ן איך.

ס'איז דא אבער א העכרע דרגה, ס'איז דא א דרגה וואס רופט זיך ער וויל דעם כבוד שמים, דבקות. אזוי ווי מ'האט געזאגט און מצווה איז דא צווי מענטשן: ס'איז דא איינער וואס טועהט א מצווה, ווייל ער איז מצווה, ער וויל די שכר ועונש, ס'איז דא איינער וואס טועהט א מצווה ווייל ער וויל האבן דבקות. ס'איז דא איינער וואס טועהט א מצווה זאל זיך מתגבר זיין דעם אויבערשטער'ס נאמען אויף די וועלט. ס'איז דא איינער וואס טועהט א מצווה לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמו - ער האט שוין פארגעסן פון זיך אליין.

ווען מ'וועט עהם פרעגן: די ווילסט דאס, די ווילסט דאס? איך וויל איין זאך, זאל הקב"ה, דער אויבערשטער כביכול, זאל האבן, תענוג ונחת פון מיין עבודה. דאס איז מיין גאנצע רצון, ווענן דעם לעב איך אויף די וועלט.

און טאמער זיין תענוג וועט זיין, אז איך זאל געבן צו עסן פאר א איד וואס זיצט נעבעך אויף א ווילטשער, אויף א וועגעל, און דאס וועט זיין תענוג ונחת, איך מאך דאס בשמחה.

א וודאי לערנען איז א מורא'דיגע זאך, אבער טאמער יעצט - איך דארף איין זאך "לעשות רצונך אלוקי חפצתי ותורתך בתוך מעי" איך דארף קערן א וועלט "ואני קרבת אלוקים לי טוב" איך דארף נישט מער ווי זיין נאנט צום אויבערשט'ן, מאכן נחת רוח פאר'ן אויבערשטער, און איך באדער זיך מיט'ן אויבערשט'ן, מיט'ן רצון און מיט'ן כבוד פון אויבערשט'ן. דאס באדערט מיר.

קומט אויס, די זעלבע זאך, ווען ער וועט שטייען און תשובה טועהן, און מקום הסליחה - דאס וועט ער זיכן. און מקום הכפרה - דאס גייט דער מענטש זיכן, ממילא האט דאס אויכעט מורא'דיגע דרגות.

ס'איז דא איינער, ער וויל, דער עיקר זיי מיר נישט מעניש - געב מיר נישט דעם עונש, ווייל ס'וועט מיר נישט זיין גוט. און ס'איז דא איינער וואס דער עיקר, געב מיר נישט די עונש - געב מיר נאך יאהרן לעבן "למענך אלוקים חיים", ס'באדערט עהם די "למענך אלוקים חיים" - א צווייטע נקודה אינגאנצן באדערט עהם. אז מיט דעם וואס ער וועט לעבן נאך א יאהר וועט ער מגלה זיין דעם אויבערשטער נאך א יאהר אויף די וועלט. ס'וועט זיין "יתגדל ויתקדש" דארך איהם. ער וועט ברענגען נאך הייליגע דורות פאר די באשעפער. ער וועט זיך באדערן מיט דעם אייבערשטן, דאס גייט איהם באדערן א גאנץ יאהר.

### *א הכנה אויף די הייליגע טעג*

און דאס גייט ער דורך די אלע ימים נוראים, אין יעדע זאך כשלעצמו, דאס איז הושענא רבה, דאס איז פאר שמחת תורה, דאס הייסט א סוכות, דאס הייסט א יום כיפור, עיצומו של יום מכפר, וואס קומט דא פאר. דאס הייסט א ר"ה, דאס הייסט עשרת ימי תשובה. יעדע זאך, א י"ג מידות של רחמים.

אבער, בכללי, האט מען יעצט געגעבן א הקדמה, אויף דעם וואס גייט זיך אויסקאכן, מיטן בלאזן שופר, מיט זיך אויפוועקן "עורו ישנים משנתכם". וואס גייט דא פארקומען בעז"ה ביז "אתה הראת לדעת". אז א איד דארף אנערקענען אז ה' הוא אלוקים "אין עוד מלבדו". פון אנהייב די ימי הרחמים והסליחות דארך און דארך גיין די גאנצע. וויסן אז ס'איז דא "אשר בחר בנו", דאס איז ב"ה די גאנצע זאך. דעמאלטס שפירט מען סוכה, שמחת תורה - יעדע זאך.

ס'איז דא אויכעט מצווה, ס'איז דא די חלק רחמנא לצלן, מ'פאלט דורך. "אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" (קהלת ז, כ).

און ס'איז דא דרגות אין תשובה, אין מחילה, סליחה וכפרה. אין דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאלן טאקע אויספירן אונזערע שליחות, אין דעם ליכטיגע הייליגע חודש הרחמים והסליחות.

**טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'**

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 050-417-0448**

**א פרייליכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**